akow
Bibliotek
Jagiellonskiej
Anny 12

הי ,,Radomer-Kielcer Leben" 11 (761) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. XVI-טער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

פרויען-פעראיין „וויזא" אין ...

זונטאג דעם 19 מערץ
8 אווענד אין 1-טן טערמין און 9 א זייגער אין ז...
אין צווייטען טערמין

ווערט פארקומען די

## יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידערינס

אין אייגענעם לאקאל אויף טראוגוטטא 55.

טאג - ארדנונג:

1) בעריכט פון דער טעטיגקייט,
2) אויסוועהלען א קאמיטעט און א רעוויזיאנס-קאמיסיע,
3) פרייע פארשלאגען.

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ אפאטאוו, וויערזשבניק און סביבה אויף זייט 7

Radom, dnia 17 Marca 1939.
ראדאם, פרייטאג כ"ו אדר תרצ"ט
טעלעפאן פון רעדאקציע 18 - 15

אבטיילונג פאר קעלץ אויף זייט 8

# נ. ע. מאיר פנחס ציגיסטער

**ג. הויז אייגענטימער,** עלטסטער צעך-מייסטער פון קצבים-פאראיין אין ראדאם.

איז נאך לאנגע און שווערע ליידען געשטארבן דעם 9-טן מערץ 1939 י. אין עלטער פון 75 יאהר. די לויה איז פארגעקומען פרייטאג דעם 10|III 1939 י. (י"ט אדר תרצ"ט) 12 א זייגער מ. פון אייגענעם וואוינונג מ. רעיא 16 (שפאציר-גאס)

וועגן וואס ס'זענען מודיע די אין טיפען טרויער פארבליבענע

**זין, שנירען, אייניקלעך**

אין אבוועזענהייט פון טאכטער, 3 זין, אייניקלעך און אור-אייניקעל.

---

די פערוואלטונג פון ת"ת הכללית אין ראדאם
דריקט דערמיט אויס איהר טיפסטען מיטגעפיהל
דעם חשוב'ען וו. פרעזעס און קאסירער

**ה' אברהם סאפירשטיין**

צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט
פון זיין **ברודער** נ. ע.

אין זיין געזעלשאפטליכער ארבייט
זאל ער א טרייסט געפונען
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**פערוו. ת"ת הכללית**
אין ראדאם וואהל 28

---

מיר דריקען אויס **דער פאמיליע ציגיסטער**
דעם טיפסטען מיטגעפיהל צוליבן טויט פון זייער געשעצטען **פאטער**
אונזער חבר און עלטסטער מיטגליד פון פליישער-צעך

נ. ע.

# מאיר פנחס ציגיסטער

זאלען זיי זיין געטרייסט און נישט וויסען מעהר פון קיין צער.

**יודישער פליישער-צעך** אין ראדאם.

---

Rodzinie Goldman
a w szczególności czcigodnemu starszemu Cechu
Mordce Henochowi
**z powodu przedwczesnej śmierci**
**Córki i Siostry**
B. P. **JADZI**
**wyrazy najgłębszego współczucia**
składa
Michał Strausman

---

Panu Kiwie Cyngiserowi
**z powodu śmierci Ojca Jego**
**B. P.**
# Majera Pinkusa
**wyrazy głębokiego współczucia**
składa
Inżynier Bialski.

---

דער פאמיליע **ציגיסטער**
צוליבן טויט
פון זייער **פאטער**

# מאיר פנחס נ. ע.

דריק איך אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

**יוסף פוטערפלאם.**

---

אונזערע חברים **געברידער ציגיסטער**
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל צוליעב דעם טויט פון זייער פאטער

# נ. ע. מאיר פנחס

זאלען זיי אין דער ארבייט פאר מלכות-ישראל געפונען א טרייסט.

**קאמענדע און מיטגלידער פון ברית החייל ע"ש**
**זאב ז'בוטינסקי** רדום.

---

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
די פאמיליע ציגיסטער
צוליב'ן טויט פון אייער אונפער-געסליכען פאטער
נ. ע.

**מאיר פנחס**

מענדל בערענשטיין
און פאמיליע

---

**צו פערקויפען צוויי**
**«שטעדט»**
אין דער שוהל, פאר מענער און פרויען.
אינפארמאציעס אין דער אדמ.
פון „ראדאמער לעבען".

---

ווילט איהר האבען קלארע, זייבערע וועש, נייע גארדעראבעס, שניי-ווייסע פארהאנגען,
גיעט נאר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאנטער
כעמיש'ר פארבעריי און פראלניע פון דער ערשטקלאסיגער פירמע

# A. Hempel

Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס'האט זיך ניט איבערצייגט זאל פרובן און וועט זיין ענטציקט
פון דער שענער, עסטעטישער און פאכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך
געוואשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! —פינקטליכע אויספיהרונג
סאלידע בעהאנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראלע: אלטע שטאדט 7 אפיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראמסקי 1 טראוגוטטא 11
זשעראמסקי 21, זשעראמסקי 59

ביליג צו וואשען קאפעלושען

